REGERINGSKANSLIET

FAKTABLAD

Justitiedepartementet

Ju 04.15 November 2004

Jiddish

# נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און מינאָריטעט-שפּראַכן

## אַ סך-הכּל פֿון דער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג לגבי די מינאָריטעטן

**דער ציל פֿון דער שוועדישער מינאָריטעטן-פּאָליטיק איז צו שיצן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, צו פֿאַרשטאַרקן זייער מעגלעכקייט משפּיע צו זײַן און אונטערצושטיצן די שפּראַכן פֿון די היסטאָרישע מינאָריטעטן כּדי זיי זאָלן ווײַטער לעבן. די שוועדישע מינאָריטעטן זײַנען די לאַפּן, די פֿיניש-רעדנדיקע שוועדן, די אײַנוווינער פֿון טאָרנעדאַלען, די ציגײַנער און די ייִדן. מינאָריטעט-שפּראַכן זײַנען די שפּראַך פֿון די לאַפּן (סאַמי), פֿיניש, מיענקיעלי, ראָמאַני טשיב און ייִדיש.**

### די אַרומנעמיקע מינאָריטעטן-פּאָליטיק פֿון שוועדן

די יסודות פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק זײַנען געלייגט געוואָרן אין דעם רעגירונגס-פּלאַן פֿון 1998/9: 143 *נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין שוועדן*. די פֿאָרלייגן זײַנען אָנגענומען געוואָרן דורכן פּאַרלאַמענט אין דעצעמבער 1999 (bet. 1999/200:KU6, rskr. 1999/2000:69). שפּעטער האָט זיך שוועדן אָנגעשלאָסן אין דער ראַמקאָנווענץ פֿון דעם אייראָפּעיִשן ראַט לגבי דעם שוץ פֿון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און די אייראָפּעיִשע באַשטימונגען בנוגע אָרטיקע שפּראַכן און מינאָריטעט-שפּראַכן.

### די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן

די באַשלוסן פֿון דער רעגירונג און פֿונעם פּאַרלאַמענט לגבי די מינאָריטעטן האָבן געפֿירט צו דער אָנערקענונג פֿון פֿינף נאַציאָנאַלע גרופּעס ווי נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין שוועדן. די דאָזיקע מינאָריטעטן-גרופּעס זײַנען אויך דערמאָנט געוואָרן אין שײַכות מיטן אָנשליסן זיך אין דער ראַמקאָנווענץ פֿונעם אייראָפּעיִשן ראַט לגבי דעם שוץ פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן זײַנען די לאַפּן, וואָס שטעלן אויך מיט זיך פֿאָר אַן עלטסט-געזעסן פֿאָלק, די פֿיניש-רעדנדיקע שוועדן, די אײַנוווינער פֿון טאָרנעדאַלען, די ציגײַנער און די ייִדן. די אַלע גרופּעס עקזיסטירן אין שוועדן שוין אַ לאַנגע צײַט און דעריבער זײַנען זיי אַ טייל פֿון דער שוועדישער קולטור-ירושה. מחמת די לאַפּן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן עלטסט-געזעסן פֿאָלק אין שוועדן איז אויך פֿאַראַן אַ באַזונדערע פּאָליטיק לגבי זיי.

### בשותּפֿותדיקע כאַראַקטער-שטריכן פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן

דער מלוכישער באַשלוס לגבי די מינאָריטעטן האָט באַשטימט די ווײַטערדיקע כאַראַקטער-שטריכן פֿאַר בשותּפֿותדיקע צווישן די גרופּעס וואָס זײַנען אָנערקענט געוואָרן ווי נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

- אַ גרופּע וואָס טיילט זיך אָפּ פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג דורך אַן אייגענער בשותּפֿותדיקער געשיכטע און וואָס פֿאַרנעמט נישט קיין דאָמינאַנטע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפֿט.
- רעליגיעזע, שפּראַכלעכע, טראַדיציאָנעלע און/אָדער קולטורעלע צוזאַמענגעהעריקייט. ס'איז גענוג מיט איינעם פֿון די שטריכן.
- אַן אייגענע אידענטיטעט. סײַ דער יחיד סײַ די גרופּע מוזן וועלן און שטרעבן אָפּצוהיטן זייער אידענטיטעט.
- די שײַכותן צווישן דער גרופּע און שוועדן מוזן זײַן אָדער היסטאָרישע אָדער לאַנג-דויערנדיקע. בלויז גרופּעס וואָס האָבן געלעבט אין שוועדן פֿאַר 1900 זײַנען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט בײַם אָנווענדן די קריטעריע.

### די שפּראַכן פֿון די מינאָריטעטן

אַ וויכטיקער טייל פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק איז דאָס אונטערשטיצן די מינאָריטעט-שפּראַכן, כּדי זיי זאָלן ווײַטער לעבן. די שפּראַכן וואָס זײַנען אָנערקענט געוואָרן פֿאַר מינאָריטעט-שפּראַכן אין שוועדן זײַנען לאַפּיש אָדער סאַמי (אַלע סאָרטן סאַמי), פֿיניש, מיענקיעלי (דאָס פֿיניש פֿון טאָרנעדאַלען), ראָמאַני טשיב (אַלע סאָרטן ראָמאַני טשיב) און ייִדיש. די דאָזיקע שפּראַכן ווערן אויך אַרײַנגענומען, דורך דער שוועדישער באַטייליקונג, אין די אייראָפּעיִשע באַשטימונגען בנוגע אָרטיקע שפּראַכן און מינאָריטעט-שפּראַכן.

צווישן דרײַ פֿון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן – סאַמי, פֿיניש און מיענקיעלי – איז פֿאַראַן, פֿון היסטאָרישן קוקווינקל, אַ שטאַרקע געאָגראַפֿישע פֿאַרבינדונג. דערפֿאַר ווענדט מען אָן לגבי די שפּראַכן באַזונדערע לאָקאַלע מיטלען.

### שותּפֿות צווישן די פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן אין דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק

וויכטיקע טיילן פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק, ווי למשל דערציִונג, קולטור און קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע, ווערן דורכגעפֿירט דורך אַנדערע פּאָליטישע אינסטאַנצן. כּדי צו דערגרייכן די צילן פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק איז נייטיק אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דער באַזונדערער פּאָליטיק און אַנדערע פּאָליטישע תּחומען. כּדי דאָס צו דערגרייכן איז פֿאַראַן בײַם קאַבינעט פֿונעם רעגירונגס-ראָש אַ באַזונדערע קאָמיסיע מיט פֿאָרשטייערס פֿון די שייכדיקע מיניסטעריומס.

### די אינפֿאָרמאַציע-אַרבעט

כּדי צו רעאַליזירן דעם ציל פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק מוזן אַרײַנגענומען ווערן אין חשבון די באַדערפֿענישן און אינטערעסן פֿון די מינאָריטעטן אין אַלע טיילן פֿונעם לאַנד און אין אַלע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאָס נעמט אַרײַן סײַ די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס סײַ די לאָקאַלע און רעגיאָנאַלע אינסטאַנצן. שוועדן פֿאַרמאָגט אַ לאַנגע טראַדיציע פֿון אַ שטאַרקער לאָקאַלער אַליין-באַשטימונג. דעריבער מוז די מינאָריטעטן-פּאָליטיק געפֿירט ווערן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ דיאַלאָג צווישן דער רעגירונג און די לאָקאַלע באַשטימונג-אינסטאַנצן. דאָס איז די סיבה פֿאַר וואָס די רעגירונג

אָרגאַניזירט זינט דעם יאָר 2003 רעגיאָנאַלע קאָנפֿערענצן פֿאַר לאָקאַלע און רעגיאָנאַלע אינסטאַנצן און פֿאַר באַזונדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, מיט דער כּוונה צו פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציע וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און וועגן דעם אינהאַלט פֿון דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק. אויפֿן סמך פֿון די קאָנפֿערענצן ווערן דורכגעפֿירט ווײַטערדיקע אַקטיוויטעטן פֿאַר די פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן.

אין יאָר 2004 וועט זיך ענדיקן די אינפֿאָרמאַציע-אַרבעט וועגן די לאַפּן און וועגן זייער קולטור, וואָס די רעגירונג האָט איניציִירט אין יאָר 2001. במשך דער צײַט האָט די רעגירונג אינוועסטירט 20 מיליאָן שוועדישע קרוין לטובֿת דעם ציל. די כּוונה איז צו פֿאַרגרעסערן דאָס וויסן און דעם אינטערעס לגבי דער קולטור, דער געשיכטע און די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון פּרנסות פֿון די לאַפּן, און אויך צו פֿאַרמײַדן און באַקעמפֿן דיסקרימינאַציע. דער פּאַרלאַמענט פֿון די לאַפּן בויט אויף, לויט דער בקשה פֿון דער רעגירונג, אַ פּערמאַנענטן נאַציאָנאַלן אינפֿאָרמאַציע-צענטער כּדי צו פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציע און אַרויסרופֿן אינטערעס צו דער קולטור פֿון די לאַפּן. דער צענטער וועט אויך אונטערשטיצן פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן און אָרגאַניזאַציעס אין זייער אינפֿאָרמאַציע-אַרבעט וועגן די לאַפּן, זייער קולטור און זייערע קוואַלן פֿון פּרנסה.

## דער פֿאַרבאָט קעגן דיסקרימינאַציע

כּדי אויפֿצושטעלן אַ פֿאַרלאָזלעכע מינאָריטעטן-פּאָליטיק איז נייטיק אַ געזעץ-געבונג קעגן עטנישער אָדער רעליגיעזער דיסקרימינאַציע. שוועדן פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע געזעץ-געבונג אין דעם תּחום, וואָס נעמט אַרײַן נישט בלויז די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן נאָר בכלל אַלע עטנישע גרופּעס. אַ וויכטיק געזעץ אין דעם תּחום איז דאָס געזעץ אָנצווּוענדן מיטלען קעגן עטנישער דיסקרימינאַציע אויפֿן אַרבעטספּלאַץ. עס קומט נאָך צו צו דעם דאָס גלײַכקייט-געזעץ פֿאַר תּלמידים פֿון די העכערע לערן-אַנשטאַלטן.

זינט יולי 2003 גילטן נײַע באַשטימונגען וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ ווירקעוודיקע שוץ קעגן דער דיסקרימינאַציע אויך מחוץ דעם אַרבעטספּלאַץ און די העכערע לערן-אַנשטאַלטן. דער פֿאַרבאָט קעגן דיסקרימינאַציע איז חל אויף די פֿאַלן פֿון דיסקרימינאַציע מחמת עטנישער אָדער רעליגיעזער צוגעהעריקייט, צוגעהעריקייט צו אַנדערע אמונה-פֿאָרמען, סעקסועלער נייגונג, צי פֿיזישע אָדער גײַסטיקע מומים, וואָס קען פֿאָרקומען, צווישן אַנדערנס, בײַ דער אַרבעט-צוטיילונג, אין דער רעם פֿון רעסטאָראַציע, און אויפֿן וווינונגען-מאַרק. אַחוץ דעם איז דער פֿאַרבאָט קעגן דיסקרימינאַציע מחמת עטנישער אָדער רעליגיעזער צוגעהעריקייט אָדער צוגעהעריקייט צו אַנדערע אמונה-פֿאָרמען, חל אין די תּחומען פֿון סאָציאַלער הילף, סאָציאַל-פֿאַרזיכערונג און געזונטדינסטן.

די אויפֿגאַבע פֿון דעם "אָמבודסמאַן" קעגן דער עטנישער דיסקרימינאַציע (DO) איז צו באַקעמפֿן און פֿאַרמײַדן אַ געזעלשאַפֿטלעכע דיסקרימינאַציע איבער עטנישער אָדער רעליגיעזער צוגעהעריקייט, און אויך לייגן אַכט אַז דאָס געזעץ קעגן דיסקרימינאַציע זאָל אָפּגעהיט ווערן. דער DO נעמט אויך אויף אָנקלאָגן קעגן דיסקרימינאַציע.

די ציגײַנער זײַנען אין אַ סך לענדער די צום מערסטן גערודפֿטע גרופּע, און אפֿשר אויך אין שוועדן. דעריבער האָט די רעגירונג אין נאָוועמבער 2001 צוגעטראָגן דעם DO די בקשה אויסצופֿירן אַ באַזונדערע אַרבעט כּדי צו פֿאַרמײַדן און צו קעמפֿן קעגן דער דיסקרימינאַציע פֿון ציגײַנער. אין מערץ 2004 איז די אַרבעט פֿאָרגעשטעלט געוואָרן דורכן באַריכט "די דיסקרימינאַציע פֿון ציגײַנער אין שוועדן", וואָס אַנטהאַלט אויך אַ צאָל פֿאָרלייגן ווי אַזוי צו פֿאַרריכטן דעם מצבֿ. אין דעם באַריכט שטרײַכט דער DO אונטער די נייטיקייט פֿון אַן אינדיווידועלער און סטרוקטורעלער פּערספּעקטיוו, און אויך דעם קוקווינקל פֿון די מינאָריטעטן אין שײַכות מיט דער דיסקרימינאַציע קעגן ציגײַנער.

## אָנווענדונג פֿון רעגיאָנאַלע מיטלען

דורך אַ באַזונדערער געזעץ-געבונג ווערט יחידים נאָכגעגעבן דאָס רעכט זיך צו באַניצן מיט די מינאָריטעט-שפּראַכן לאַפּיש, פֿיניש און מיענקיעלי, אין זייערע באַציִונגען מיט די אינסטאַנצן און געריכטן וואָס געפֿינען זיך אין די געאָגראַפֿישע געביטן ווּ די שפּראַכן האָבן אַ לאַנגע טראַדיציע. די געזעץ-געבונג איז שייך אַ ריי אינסטאַנצן אין דעם דיסטריקט נאָרבאָטן, וואָס ווערן באַצייכנט ווי אַדמיניסטראַטיווע זאָנעס פֿאַר לאַפּיש, פֿיניש און מיענקיעלי. די געזעץ-געבונג זאָגט אויך אַז די אינסטאַנצן אין די דערמאָנטע זאָנעס מוזן געבן די עלטערן אַ מעגלעכקייט אײַנצושרײַבן זייערע קינדער אין קינדער-גערטנער ווּ די אַרבעט ווערט געפֿירט – אין גאַנצן אָדער צום טייל – אין אַ מינאָריטעט-שפּראַך. דאָס אייגענע גילט אויך אין שײַכות מיט דער באַהאַנדלונג פֿון עלטערע מענטשן.

אַ ספּעציאַליסט האַלט איצטער אין אויספֿאָרשן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן די פֿינישע אַדמיניסטראַטיווע זאָנע ביז דער געגנט פֿון שטאָקהאָלם און מעלאַרדאַלען. די כּוונה פֿון דער רעגירונג איז אויסצופֿאָרשן די מעגלעכקייט אויסצוברייטערן די אַדמיניסטראַטיווע זאָנע פֿון די לאַפּן ביז זייער דרומדיקער געגנט.

## דערציִונג

עס איז וויכטיק, אַז אַלע קינדער אין שוועדן זאָלן זיך לערנען די געשיכטע פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, זייער קולטור, זייער שפּראַך און זייער רעליגיע. דעריבער נעמען די לערן-פּראָגראַמען פֿאַר די שולן אַרײַן דאָס איבערגעבן ידיעות וועגן די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און די מינאָריטעט-שפּראַכן.

דער לימוד פֿון דער מוטערשפּראַך און דאָס לערנען זיך נאָך צוויי שפּראַכן זײַנען גאָר וויכטיק פֿאַר דער אונטערשטיצונג און דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די מינאָריטעט-שפּראַכן. דער דערציִונגס-מיניסטעריום דאַרף קאָנטראָלירן דאָס אַנטוויקלען פֿונעם לימוד פֿון דער מוטערשפּראַך און פֿון די אַנדערע צוויי שפּראַכן בײַ די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

אין דער דערציִונג-סיסטעם אַרבעט מען אויך אויס אַ פּלאַן צו פֿאַרבעסערן די דערציִונג פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. די באַזונדערע אַרבעט נעמט אַרײַן די ספּעציאַליזירונג פֿון דעם פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל אין די קינדער-גערטנער און שולן, ווי אויך דאָס אויסאַרבעטן פּעדאַגאָגישע מיטלען, און דאָס רעדאַגירן ווערטער-רשימות און ווערטערביכער פֿאַר די פֿאַרשיידענע שפּראַכן. דאָס אויסאַרבעטן די פּלענער גייט צוזאַמען מיט אַן עצה-האַלטונג מיט די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

אַחוץ דעם האָט די רעגירונג צוגעטיילט דעם דערציִונגס-מיניסטעריום די אויפֿגאַבע אויפֿצושטעלן מאַפּעס וואָס זאָלן באַשרײַבן דעם מצבֿ פֿון די שולן פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, און אויך צו אַנאַליזירן די מאַפּעס אין שותּפֿות מיט דער אינסטאַנץ פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון שולן, און פֿאָרלייגן פֿאַרשיידענע מעטאָדן אויף צו פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ לטובֿת די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

## די מעדיעס

דער שוועדישער ראַדיאָ, דער דערציִערישער ראַדיאָ און די שוועדישע טעלעוויזיע האָבן באַקומען אין 2002 נײַע פּראָגראַם-תּקנות וואָס, צווישן אַנדערנס, פֿאַרגרעסערן זיי די פּראָפּאָרציע פּראָגראַמען אויף מינאָריטעט-שפּראַכן. דאָס האָט געפֿירט, למשל, דערצו, עס זאָלן איניציִירט ווערן פּראָגראַמען אויף ראָמאַני טשיב.

פֿיניש, לאַפּיש און מיענקיעלי פֿאַרנעמען שוין אַ באַזונדער אָרט אין די ראַדיאָ-פּראָגראַמען. אַ פּאַרלאַמענטאַרע קאָמיסיע האָט באַקומען פֿון דער רעגירונג די אויפֿגאַבע דורכצוטראַכטן די מלוכישע אונטערשטיצונג פֿאַר דער טאָגפּרעסע. די דאָזיקע קאָמיסיע וועט פֿאָרשטעלן, צווישן אַנדערנס, די באַדערפֿעניש אין אונטערשטיצונג פֿון טאָגצײַטונגען וואָס האָבן אַ שײַכות צו די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

## קולטור

די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן פֿאַרמאָגן אַ רײַכע קולטור וואָס דריקט זיך אויך אויס אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אין אַ קינסטלערישער טעטיקייט. דאָס העלפֿט אָפּהיטן און אַנטוויקלען די קולטורן פֿון די מינאָריטעטן אין שוועדן און באַרײַכערט די אַלגעמיינע קולטור.

פֿונעם יאָר 2000 אָן גיט מען צו אַ מיליאָן שוועדישע קרוין צו דער מלוכישער אונטערשטיצונג לטובֿת ליטעראַטור און קולטור-זשורנאַלן כּדי אַרײַנצונעמען אין חשבון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן בײַם צעטיילן די אונטערשטיצונג. אַחוץ דעם, האָט די מלוכישע קולטור-קאָמיסיע אָנגעהויבן אין 2002 אָפּטיילן 7 מיליאָן שוועדישע קרוין פֿאַר אַקטיוויטעטן וואָס זייער ציל איז אונטערצושטיצן די שפּראַכן און קולטורן פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן.

## דאָס פֿאַרשטאַרקן די השפּעה פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן

די פֿראַגע וועגן דער השפּעה פֿון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז פֿון די וויכטיקסטע פֿאַר דער מינאָריטעטן-פּאָליטיק. דעריבער זײַנען אָנגעוואָנדן געוואָרן פֿאַרשיידענע מיטלען כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די מעגלעכקייטן פֿון די מינאָריטעטן אויסצווווירקן אַזאַ השפּעה. עס קומען למשל פֿאָר באַראַטונגען דורך וועלכע די פֿאָרשטייער פֿון דער רעגירונג האַלטן זיך אַן עצה מיט די מינאָריטעט-אָרגאַניזאַציעס. נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס רעפּרעזענטירן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן באַקומען אויך אַ באַזונדערע הילף כּדי צו פֿאַרגרעסערן זייער מעגלעכקייט משפּיע צו זײַן.

אין אָקטאָבער 2002 האָט די רעגירונג געשאַפֿן אַ קאָמיסיע פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון די ציגײַנער, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די עצה-געבנדיקע אינסטאַנץ פֿאַר דער רעגירונג. די קאָמיסיע באַשטייט פֿון אַ ברייטער פֿאָרשטייערשאַפֿט, מיט דעלעגאַטן פֿון אַלע גרויסע ציגײַנער-גרופּעס, סײַ מענער און סײַ פֿרויען. דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע איז אַ מיניסטער פֿון דער רעגירונג.

כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פֿון די ציגײַנערינס און צו פֿאַרגרעסערן זייער באַטייליקונג איז פֿאַראַן אַ באַזונדערע נישט-אָפֿיציעלע אַרבעטס-גרופּע מיט דעלעגאַטן פֿון קאַבינעט פֿונעם רעגירונגס-ראָש און ציגײַנערינס.

## צוגאָב-אינפֿאָרמאַציע

ווער עס וויל זיך דערוויסן מער וועגן דער אַרבעט קען לייענען די רעגירונג-קאָנווענץ 1998/9:143 נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין שוועדן. מע קען לייענען די קאָנוועצנץ אויפֿן וועבאָרט פֿון דער רעגירונג www.regeringen.se . מע קען זי אויך קויפֿן בײַם ביוראָ פֿונעם פּאַרלאַמענט-פֿאַרלאַג, טעלעפֿאָן 10 58 786-08 .
כּדי צו באַקומען אַן אַקטועלע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער אַרבעט פֿון דער רעגירונג לטובֿת די מינאָריטעטן, לייענט דאָס וועבזײַטל *www.regeringen.se/sb/d/1483/a/12607* אָדער קלינגט אָן דעם אָפּטייל פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דעמאָקראַטיע, מענטשנרעכט, פֿאָלקס-באַוועגונגען און ספּאָרט: 00 10 405-08 (צענטראַלע).

**פֿאַקטן**
**שייכדיקע קאָנטאַקטן**
**דער פּאַרלאַמענט פֿון די לאַפּן: www.sametinget.se**
**די דעלעגאַציע פֿון פֿיניש-רעדנדיקע שוועדן : www.sverigefinne.se**
**די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון שוועדישע אײַנוווינער פֿון טאָרנעדאַלען: www.str-t.com**
**די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון ציגײַנער: Roma International**
**www.riksforbundetroma.se**
**דער ייִדישער צענטראַלראַט: www.jf-stockholm.org/**

**די נאַציאָנאַלע קאָמיסיע פֿאַר מינאָריטעט-שפּראַכן אין שוועדן :**
**www.swedlul.se**
**דאָס וועבאָרט פֿאַר מענטשנרעכט פֿון דער רעגירונג :**
**www.manskligarattigheter.gov.se**

REGERINGSKANSLIET

Justitiedepartementet

103 33 Stockholm • tfn växel 08-405 10 00

מע קען באשטעלן מער קאָפּיִעס פון דעם בולעטין אינעם יוסטיץ-מיניסטעריום.
טעלעפאָן 00 10 405-08, פאקס 34 27 20-08
דאָס אינטערנעט-זײַטל פון דער רעגירונג: www.regeringen.se
די בליץ-פּאָסט פונעם יוסטיץ-מיניסטעריום: registrator@justice.ministry.se

געדרוקט פון XBS Grafisk service סטאָקהאָלם, יוני 2004. דער בולעטין איז צוגעגרייט געוואָרן פונעם יוסטיץ-מיניסטעריום. ארטיקל נומ' Ju0415.